# גלאָוואַלדיגע רעיונות

פרשת ראה תשפ"ב, עלון מס' 450

צו קויפן איינער פון דער מחבר'ס ספרים, און באשטעלן אז עס זאל אנקומען ביי דיין טיר, ביטע שיק אן אימייל צו:
**yalt3285@gmail.com**
אדער קענט איר קוקן ביי:
**https://amzn.to/3eyh5xP**
(וואו איר קענט אויך זעהן די באריכטן)




## מיר פאַרשפּרייטן הערליכע דברי תורה איבער דעם גלאָב

קאַנאַדע • טשילע • טשיינאַ • טשעכיי • ענגלאַנד • פֿראַנקרייַך • דייַטשלאַנד • • בראַזיל • ארגענטינע • עסטרייך • אויסטראַליע • בעלגיע
גיבראַלטאַר • האָלאַנד • אונגארן • אינדיאַ • ארץ ישראל • איטאַליע • מעקסיקע • פּאַנאַמאַ • פּוילן • רוסלאַנד • דרום אפריקע • שווייץ • אוקריינא •
פאראייניגטע אַראַבער עמיראַטעס • ארצות הברית • ווענעזועלאַ

צו פאַרבינדן די טויזנטער לייענער און באַקומען די גליונות בחינם, אָדער צו שיקן הערות אָדער תשובות, ביטע פאַרבינדט
איך מיט הרב יהושע אַלט YALT3285@GMAIL.COM
דער גליון ווערט געליינט אין זעקס קאָנטינענטן און אין איבער פערציג לענדער ארום דער וועלט.
לעילוי נשמת הרב שלום דובער בן הרב יצחק ז"ל

This newsletter can also be viewed at https://bit.ly/3z9qF5E.

דעם נוזלעטער קען מען אויך זען אויף אידיש ביי https://bit.ly/38RvdTI

Pour voir ou télécharger la version Française: https://parshasheets.com/?s=Fascinating+Insights.

אפשר לקרוא את עלון זה בעברית באתרט: הורדות-עלונים/רעיונות-מדהימים-הורדות-עלונים /https://www.dirshu.co.il/category.

***דער מחבר ערלויבט און שטיצט סיי ווער עס וויל פאַרשפּרייטן דעם גליון צו דעם ציבור.***

### א לעבן ווערט צו לעבן

בשעת אַ באַזוך אין יד ושם, איז הרב בערל וויין שליט"א אריין ביים דעם קינדער-דענקמאָל, לזכר אלע די אידישע קינדערלעך וואס זענען ליידער אומגעקומען אין די קריג. די זכרון איז צו געדענקען די 1.5 מיליאָן קינדער אונטער די עלטער פון 12 וועלכע זענען אומגעקומען דורך די נאַציס ימ"ש. הרב וויין האט ערווארטעט צו זעהן בילדער פון די יונגע קדושים אדער הערן פון די גרויזאמע צרות וואס זיי האבן ליידער געליטן. אנשטאט דעם איז ער אריין אין א ריזיגע טונקעלע צימער פון בערך 8 - 10 שטאק הויך, מיט איין לעכטל וואס האט געברענט. ער האט געהערט ווי א רעקארדינג רופט ארויס נעמען: "שמחה כץ, דרייַ יאָר אַלט, ווילנע". "שרה יאַקאָבאָוויטש, זעקס יאָר אַלט, סאַראַדזשעווא." מען האט ארויסגערופן נאכאנאנד נעמען.

ווען הרב וויין איז ארויס פון יענער הייל, האט ער געטראַכט: "איך האב נישט געהערט מיין נאמען. איך בין דאך אין יענע עלטער..." הרב בערל האט עס אנגענומען אלץ א מוסר השכל אז ס'איז דא פיל וואס ער מוז אויפטוהן מיט די יארן וואס דער רבונו של עולם האט אים געשאנקען מיט זיין פיל חסד.

מיט דעם האָט הרב וויין מסביר געווען פאַרוואָס דער אויבערשטער האָט גערופן משה רבינו מיט די נאמען דורכאויס די תורה, די נאָמען מיט וואס פרעה'ס טאָכטער האט אים גערופן (זעהן שמות ג, ד) (און נישט מיט איינער פון זיינע אַנדערע נייַן נעמען). יעדעס מאל וואס דער אויבערשטער האט אים גערופן "משה" איז עס געווען א דערמאנונג אז ער איז געראטעוועט געווארן פון די וואסער, נישט ווי די פילע טויזענטער אידישע קינדערלעך וואס פרעה האט ליידער אומגעברענגט.

יעדער איד וואס לעבט היינט דארף אויך אנעמען די מוסר השכל צום האַרצן און טראכטן: וואס וועסטו טוהן מיט די טייער צייט וואס דו האסט אין די וועלט?

### הקב"ה איז מזווג זווגים

א טאטע האט זיך געפלאגט מיט א שדוך פאר זיין טאכטער. איין נאַכט האָט דער יהודי הקדוש זיך באַוויזן צו דער טאטע אין א חלום און ערקלערט אז ס'איז פאַרהאַן דריי מיני זווגים – דער זווג פון שבת קודש און כלל ישראל, דער זווג פון די גוף און די נשמה, און דער זווג פון א מאַן און א פרוי. די דריי זווגים ליגן אין די הענט פון הקב"ה און נאר ער קען זיי צאמשטעלן. דאס איז מרומז אין די ווערטער: "מאשר שמנה לחמו והוא יתן.." (פון אשר וועט זיין ברויט האבן רייכקייט און ער וועט געבן..) (בראשית מט, כ). "מ"אשר

– וואס איז העכער די אותיות פון "אשר"?  אויבן "א" איז "ב" (ווייל "א" איז צוויי מאל "ב"), העכער די "ש" איז א "ת", און העכער די "ר" איז א "ש." די אותיות שרייבן "שבת."  דטס איז מרומז צו די זווג פון שבת קודש און כלל ישראל. די ווארט "שמנה" ענהאלט די זעלבע אותיות פון די ווארט "נשמה". "שמנה" מיינט אויך פעט, וואָס איז מרומז צו די גשמיות'דיגע גוף. דאס באווייזט די זווג פון די נשמה און די גוף. צום שלאס, דאָס וואָרט "לחמו" באווייזט אויף די זווג פון פון א מאַן און א פרוי ווייַל אַ פרוי איז גערופן "א מאַן'ס ברויט". דאָס איז דער טיפֿערער באדייט פון: "מאשר שמנה לחמו והוא יתן.." די דריַי זזווגים קען נאָר הקב"ה געבן.

ווען דער דאזיגקער טאטע האט זיך אויפגעכאפט פון שלאף, איז ער געווען איינגעווארצלט מיט אזא מדרגה פון אמונה , גלויבענדיג אז נאר דער אויבערשטער קען אויספירן א שידוך פאר זיין טאכטער. וויבאַלד ער האט דערגרייכט דעם אמונה, האט דער אויבערשטער געשיקט דער זווג פאר זיין טאָכטער וועלכע איז באַלד געווארן א כלה.

ר' יצחק שיינער פלעגט איבערזאגן בשם די גמרא (סוטה ב) וואס זאגט אז פערציג טעג פאר יצירת הולד, א בת קול רופט ארויס, די טאכטער פון פלוני איז באשערט צו פלוני. ער פלעגט זאגן אז ווען זיין רעביצן, וועלכע איז געווען די אייניקל פון רבי ברוך בער לעבאָוויץ ז"ל, איז געבוירן געווארן, האט מען מודיע געווען מיט א בת קול, אז אסתר לאה בת ר' משה (אייניקל פון רבי ברוך בער) וועט חתונה האבן מיט יצחק אריה בן רבי דוב (דאס הייסט ר' יצחק שיינער). ער האָט ווייטער געזאָגט: וואו איז געווען יצחק אריה דעמאלטס? אין פיטסבורג! איך בין געווען דריי יאר אלט ווען מיין ווייב איז געבוירן געווארן אין ווילנע אין 1925. ווי אזוי איז אויסגעקומען אזא שידוך? עס זענען פארהאן פיל סיבות פארוואס דער שידוך האט זיך לאגיש נישט געדארפט אויסארבעטן. ערשטנס, איז זי געווען אין ווילנע און איך בין געווען אין פיטסבורג. דאס איז 5,960 מייל אוועק! דערצו האט דער דאזיגער יצחק אריה קוים א קוק געטוהן אין דער גמרא, ווי אזוי וואלט ער געקענט חתונה האבן מיט ר' ברוך בער'ס אייניקל?"

בן זוהר

דאס ווארט פאטער אין לשון הקודש איז "אב", וואס באשטייט פון די ערשטע צוויי אותיות פונעם אלף בית. עס באווייזט אַז אַלעס הייבט זיך אן מיט דער טאטע.

פארוואס הייסט א זון אין לשון הקודש "בן"? די לעצטע אות פון "אב" איז "ב", און "בן" - א זון - פאנגט זיך אן מיט א "ב". דער זון איז ממשיך ווי דער טאטע לאזט אפ. דער צווייטער אות פון "בן" איז "ן".

דער "ן" איז די לענגסטע און גלייַכסטע אות אין אַלף-בית און דעריבער סימבאַליזירט המשכה. צום ביישפיל, בשעת א מענטש וואס לערנט ווערט אנגערופן א "לומד", ווען מיר לייגן צו דעם "ן", באקומען מיר דאס ווארט "למדן", א מענטש וואס איז כסדר און טיף פארנומען מיט לערנען. אזוי אויך הייסט א מענטש וואס ווערט בייז א "כועס". ווען מיר לייגן צו א "ן", באַקומען מיר א "כעסן", אַ מענטש וואס איז אלעמאל בייז. אַזוי טוט דער וואָרט "בן" -א זון - באווייזן דער געדאַנק אַז דער זון נעמט דעם וועג פון דעם פאטער און שטייט דארט.

יעצט קענען מיר פֿאַרשטיין אז דאָס וואָרט "בן" האט די זעלבע שורש ווי די וואָרט פֿאַר בויען, "בונה". דער זון בויט אויף זיין טאטע'ס דערגרייכונגען , ווייטער אויף דעם זעלביגן וועג. (די וואָרט "בת" איז אויך שייך צו בנין, ווי אין "חכמת נשים בנתה ביתה", די קלוגסטע פון פרויען, יעדער בויט איר אייגענע הויז [משלי א, א]. דערצו, א טאַטע און א מאמע (אב, אם) הייבן אן מיט אַ "א", בשעת א זון און טאכטער (בן,בת)  הייבן זיך אן מיט אַ  אן מיט א ב', דאס האלט אויף דעם געדאנק אז די קינדער האלטן ווייטער די עקזיסטענץ פון זייערע עלטערן, ווייל דער "ב" גייט נאך דעם "א")





ר' אלט זכה ללמוד תחת הרה"ג מרדכי פרידלענדער זצ"ל והוסמך לרבנות על ידי הרה"ג זלמן נחמיה גולדברג זצ"ל. ר' אלט הוציא ארבע ספרים במגוון נושאים בעניעי יהדות ומחשבת ישראל. כתביו מופיעים באנגלית, אידיש, עברית, גרמנית וצרפתית.